# עלטערע מענטשן זאלן זיך וואקסינירט ווערן קעגן קאוויד-19, די פלו און RSV

אטעמען-רער ווירוסן, ווי צום ביישפיל קאוויד-19, אינפלוענזא (פלו) און רעספּירעטארי סינסישעל ווירוס (respiratory syncytial virus, RSV) פארשפרייטן זיך ווען אנגעשטעקטע מענטשן היסן, ניסן און אטעמען, און זיי זענען מער פארשפרייט אין הערבסט און אין ווינטער. עס זענען דא נייע וואקסינען צו באשיצן מענטשן פון קאוויד-19, די פלו און RSV. אויב איר זענט אן עלטערער מענטש (פון 65 און עלטער), באקומט די וואקסינען ווי שנעלער מעגליך כדי צו זיכער מאכן אז איר זענט באשיצט.

## וועלכע וואקסינען דארף איך צו בלייבן זיכער?

איר זאלט באקומען די איבערגעארבעטע קאוויד-19 וואקסין וואס איז ארויסגעקומען פאר באנוץ אין סעפטעמבער פון 2023 און א יערליכע פלו שאָט, אפילו אויב איר זענט שוין וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט. די קאוויד-19 וואקסינען זענען איבערגעארבעט געווארן אז זיי זאלן באשיצן קעגן די יעצטיגע וואריאנטן פון דעם ווירוס און אזוי אויך צו פארשטערקערן אייער שוץ וואס קען עטוואס אויסוועפן מיט די צייט. די פלו שאָט ווערט איבערגעארבעט יעדעס יאר צו באשיצן קעגן די סארטן פלו וואס זענען ערווארטעט זיך צו פארשפרייטן.

איר זאלט זיך דורכרעדן מיט אייער דאקטאר איבער אויב איר זאלט באקומען אן RSV וואקסין וואס איז דא צו באקומען פאר מענטשן פון 60 יאר און עלטער. דאס איז די ערשטע יאר וואס RSV וואקסינען זענען דא צו באקומען. איר זאלט אויך פרעגן אייער דאקטאר אויב איר זענט צייטליך מיט אנדערע וואקסינען, ווי צום ביישפיל די ניומאקאקעל (*pneumococcal*) וואקסין וואס באשיצט קעגן געוויסע באקטעריע אינפעקציעס, ארייננרעכענענדיג פון א לונגען אנצינדונג.

## פארוואס איז דאס וויכטיג פאר עלטערע מענטשן צו וואקסינירט ווערן?

עלטערע מענטשן האבן גרעסערע אויסזיכטן צו ערנסט קראנק ווערן, האספיטאליזירט ווערן און שטארבן רח"ל פון קאוויד-19, די פלו און RSV. געוויסע אנדערע מעדיצינישע פראבלעמען, ווי צום ביישפיל כראנישע נירן קראנקהייט, הארץ קראנקהייט, לונגען קראנקהייט און צוקער קראנקהייט, פארגרעסערן די אויסזיכטן פון ערנסט קראנק ווערן פון די ווירוסן.

אין די לעצטיגע צייט אין די פאראייניגטע שטאטן זענען אומגעפער 70% ביז 85% פון פלו טויטפעלער, 50% ביז 70% פון פלו האספיטאליזאציעס און מער פון 75% פון קאוויד-19 טויטפעלער געשעהן צווישן מענטשן פון 65 יאר און עלטער.

## וועלכע קאוויד-19 וואקסין זאל איך באקומען און וויפיל דאזעס דארף איך?

איר קענט אויסוועהלן וועלכע וואקסין צו באקומען, אפגעזעהן פון וועלכע וואקסינען איר האט באקומען אין די פארגאנגענהייט. אלע איבערגעארבעטע וואקסינען זענען געמאכט צו באשיצן קעגן די זעלבע ווארייאנטן.

די צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג רעקאמענדירט פאר מענטשן 65 יאר און עלטער צו באקומען נאך איין דאזע פון סיי וועלכע אפדעיטעד וואקסין כאטש פיר מאנאטן נאך זייער פריערדיגע שאט. אויב אייער אימיון סיסטעם איז אביסל אדער שטארק אפגעשוואכט, פרעגט אייער פראוויידער אויב זיי רעקאמענדירן נאך דאזעס.

## וועלכע פלו וואקסין זאל איך באקומען היי יאר?

מענטשן פון 65 און עלטער זאלן באקומען איין דאזע פון די הויכע-דאזע, עדזשאווענטעד (*adjuvanted*) אדער ריקאָמבינענט פלו וואקסין אזוי ווי די וואקסינען ארבעטן די בעסטע פאר עלטערע מענטשן.

**צי זענען דא זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון די קאוויד-19, פלו און RSV וואקסינען?**
פאר רוב מענטשן זענען די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) מילד און גייען אוועק ביז עטליכע טעג. אפטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) רעכענען אריין וויטאג אין די ארעם, קאפווייטאג, ווייטאגן אין די קערפער און מידקייט. איר קענט נישט באקומען קאוויד-19, די פלו אדער RSV פון די וואקסינען.

**וואו קען איך וואקסינירט ווערן?**
פרעגט אייער דאקטאר אויב זיי שטעלן צו וואקסינען. עס זענען אויך דא הונדערטע וואקסינאציע פלעצער, אריינרעכענענדיג פארמאסיס, ארום די סיטי וועלכע אפפערן קאוויד-19 און פלו וואקסינען אן אפוינטמענטס. צו טרעפן א וואקסינאציע פלאץ, באזוכט vaccinefinder.nyc.gov אדער רופט 212-268-4319. פילע העלט צענטערן אפפערן די RSV וואקסין, און אזוי אויך געוויסע פארמאסיס — אויב איר קומט מיט א רעצעפט פון אייער דאקטאר.

**וועט מיין העלט אינשורענס דעקן די וואקסין?**
Medicare, Medicaid און רוב אנדערע העלט אינשורענס פלענער דעקן די קאוויד-19, פלו, RSV און אנדערע וואקסינען אן קאָפּעיס אדער אנדערע צוצאלונגען פון אייער טאש. מאכט זיכער אז איר גייט צו א דאקטאר/וואקסינאציע פלאץ וואס נעמט אן אייער אינשורענס.

**וואס איז אויב איך האב נישט אינשורענס?**
אומזיסטע קאוויד-19 וואקסינען זענען דא צו באקומען פאר מענטשן אן אינשורענס אדער וואס האבן באגרעניצטע אינשורענס דעקונג. צו טרעפן א וואקסינאציע פלאץ וואס אפפערט אומזיסטע וואקסינען, באזוכט vaccinefinder.nyc.gov, דרוקט אויף "Any insurance" (סיי וועלכע אינשורענס) ליסטע וואס עפנט זיך אויף און זעהט די אפציעס פאר "no cost" (אומזיסט).

**צי קען איך באקומען די קאוויד-19, פלו און RSV וואקסינען אין דעם זעלבן צייט?**
יא. איר קענט באקומען אלע דריי וואקסינען אין דעם זעלבן צייט.

**צי קען איך נאכאלץ באקומען קאוויד-19, די פלו אדער RSV אפילו אויב איך בין וואקסינירט געווארן?**
יא. כאטש די וואקסינען פארקלענערן אייערע אויסזיכטן צו אינפעקטירט ווערן, דאך קען דאס נאכאלץ געשעהן, באזונדערס אזוי ווי די צייט גייט אריבער זינט איר זענט וואקסינירט געווארן. אבער אויב איר ווערט אינפעקטירט, העלפן די וואקסינען רעדוצירן די סימפטאמען און די אויסזיכטן פון קאמפליקאציעס, אריינרעכענענדיג האספיטאליזאציע און טויט. קאוויד-19 וואקסינען רעדוצירן אויך די אויסזיכטן פון "לאַנג קאוויד" (סימפטאמען וואס בלייבן פאר חודשים אדער לענגער נאך די קאוויד-19 אינפעקציע).

אויב איר האט סימפטאמען פון אן אטעמען-רער ווירוס, ווי צום ביישפיל א הוסט, רונענדיגע נאז, פארשטאפטע נאז/אויערן, האלז ווייטאג, פיבער אדער ווייטאגן אין די קערפער, פארבינדט אייך באלד מיט אייער דאקטאר צו באקומען א טעסט. מעדיצינען זענען דא צו באקומען פאר עלטערע מענטשן מיט קאוויד-19 אדער די פלו, און די באהאנדלונג ארבעט די בעסטע אלס שנעלער איר הויבט אן. עס איז נישטא קיין באהאנדלונג ספעציפיש פאר RSV, אבער דאקטוירים וועלן מעגליך רעקאמענדירן מעדיצינען צו רעדוצירן סימפטאמען.

אויב איר האט נישט קיין דאקטאר, פארבינדט אייך מיט NYC Health + Hospitals Virtual ExpressCare אויף expresscare.nyc אדער 631-397-2273.

**וועלכע אנדערע שריט קען איך אונטערנעמען זיך צו באשיצן פון אטעמען-רער ווירוסן?**
איר זאלט אין באטראכט נעמען צו טראגן א גוט-צוגעפאסטע מאסקע אין אנגעפולטע אינעווייניגע פלעצער. א מאסקע פון א הויכע קוואליטעט, ווי אן N95, KN95 אדער KF54, גיבט בעסערע שוץ. איר זאלט אויך וואשן אייערע הענט און זיך צוריקהאלטן פון אנרירן אייערע אויגן, נאז און מויל מיט אומגעוואשענע הענט.

פאר מער אינפארמאציע איבער קאוויד-19, די פלו און RSV, באזוכט on.nyc.gov/covid-flu-rsv-faq.

3.24 Yiddish